# ואתחנן

א. אין פסוק „ושננתם לבניך גו'"[1] שטעלט זיך רש"י אויפן ווארט „לבניך" און איז מפרש „אלו התלמידים" — אַז דער פירוש פון „ושננתם לבניך" איז: דו זאָלסט לערנען מיט דיינע תלמידים. ווערט דאָך די שאלה: דער טייטש פון „לבניך" איז דאָך — צו דיינע זין, איז ווי קען מען טייטשן „אלו התלמידים"? — איז רש"י מוסיף „מצינו בכל מקום שהתלמידים קרויים בנים" — אַז אומעטום ווערן די תלמידים גערופן בנים.

איז ניט פאַרשטאַנדיק: פון וואַנען נעמט רש"י צו זאָגן אַז מיט „לבניך" דאָ ווערט געמיינט תלמידים[2]? אמת טאַקע אַז אויך „תלמידים קרויים בנים", איז אָבער דאָך אַ סך פשוט'ער צו זאָגן אַז „לבניך" מיינט זין, ווי דער פירוש הפשוט פון בנים ברוב המקומות[3]?

---

1) פרשתנו ו, ז.

2) בש"ח כאן שהוכחת רש"י הוא „דאי בבנים ממש, הא לעיל מיני' כתיב (ו, ב) אתה ובנך ובן בנך, וכאן כתיב דוקא לבניך, אלא ע"כ אתלמידים". אבל דבריו צע"ג, כי בכתוב שם אינו מדובר ע"ד חיוב האב לבנו, כ"א ע"ד חיוב הבן. ועוד — אינו מדובר כלל ע"ד לימוד התורה, כ"א ע"ד שמירת המצות, כמפורש שם „לשמור את כל חקותיו ומצותיו אשר אנכי מצוך".

ואולי טה"ד בש"ח כאן, וכוונתו להפסוק „והודעתם לבניך ולבני בניך" (ד, ט). אבל גם מפסוק זה אין הוכחה, כי לפי פירש"י (שם פסוק יו"ד) מדבר הכתוב בענין הקולות והלפידים דמ"ת ולא בענין תלמוד תורה (ואפילו בדרך ההלכה, פשטות הכתוב מדבר רק בעשה"ד, ורק שקבלו חכמים שה"ה לכל התורה כולה — ראה הל' ת"ת לאדה"ז פ"ב ה"ד).

3) ואין לומר שהוכחת רש"י היא ממה שהציווי ללמד לבנים נאמר בפרשת עקב (יא, יט), ומכיון ששם מוכרח לפרש ש„בניכם" הוא כפשוטו*, לכן מפרש שהציווי דושננתם לבניך הוא ללמד לתלמידים (וע"ד שמפרש רש"י (יא, יח) „אף לאחר שתגלו כו'", כי דוחק לומר שציווי אחד נכפל ב' פעמים)

כי (א) גם כשנפרש לבניך כפשוטו, הם ב' ציוויים שונים. כי החיוב בפ' עקב הוא ולמדתם גו' לדבר בם, שהפסוק תורה צוה לנו משה יהא לימוד דיבורו, והציווי בפרשתנו הוא ושננתם לשון חידוד. (ב) בכל מקום שהוכחת רש"י הוא מפסוק שנאמר לאח"ז שהתלמיד לא למדו עדיין, כותב רש"י את הוכחתו בפירוש. ומכיון שבנדו"ד, אינו כותב שום הוכחה לפירושו, מוכרח שההוכחה היא מפסוק זה גופא או מפרשיות הקודמות שהתלמיד למדם כבר, ושההוכחה היא פשוטה ביותר עד שרש"י אינו זקוק לפרשה.

---

*) כי (א) מכיון שהחיוב שם הוא „לדבר בם" שהוא (כדפירש"י שם) משיודע לדבר (ועוד לפני זה — משמתחיל לדבר), הרי תינוק בגיל זה נמצא בבית הוריו, ואין שייך לחייב את מי שהוא (אחר) ללמד את התינוק, ועאכו"כ שאין שייך להאשימו „ואם לא עשה כן ה"ה כאילו קוברו". (ב) הפסוק „למען ירבו גו' על האדמה גו'" קאי לא רק אלפניו — וכתבתם גו', אלא גם אלפני פניו — ולמדתם גו' כדפירש"י שם: ואם לא עשה כן.. למען ירבו כו'. ובאותו חלק ד„האדמה" הם האב והבן (שיורשו) ולא הרב ותלמידו — אף שבדוחק יל"פ שכאן הכוונה דכללות הישיבה על האדמה באה בזכות לימוד התורה כו'.

און כאַטש אַז דער ספרי טייטשט „לבניך — אלו תלמידיך" — איז דאָס דאָך אַ טייטש ע"פ דרך ההלכה, און מען קען ניט זאָגן אַז דערפאַר טייטשט רש"י אַזוי, ווייל כמבואר כמה פעמים, איז רש"י מפרש די פסוקים לויטן דרך הפשט, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ע"פ דרך ההלכה, הדרוש וכו' לערנט מען אַנדערש [4], און ווי רש"י אַליין גיט אַרויס דעם כלל — גלייך אין דער ערשטער סדרה [5]: ואני לא באתי אלא לפשוטו.

ב. אויף דעם וואָס רש"י זאָגט „מצינו בכל מקום שהתלמידים קרויים בנים" ברענגט ער דריי ראיות: (א) „שנאמר [6] בנים אתם לה' אלקיכם" (אַז אידן הייסן דעם אויבערשטנס בנים מצד דעם וואָס זיי האָבן געלערנט פון אים תורה און זיינען זיינע תלמידים). (ב) „ואומר [7] בני הנביאים אשר בבית א־ל" (אַז די תלמידים פון די נביאים, וועלכע האָבן פון זיי געלערנט נבואה, הייסן בני הנביאים). (ג) „וכן בחזקי' שלמד תורה לכל ישראל וקראם בנים שנאמר [8] בני עתה אל תשלו" (אַז חזקי' האָט גערופן אידן בנים איבער דעם וואָס ער האָט געלערנט מיט זיי תורה).

איז אין דעם ניט מובן:

א) פאַרוואָס דאַרף רש"י אָנקומען צו דריי ראיות און באַנוגנט זיך ניט מיט איין ראי' און אַפילו ניט מיט צוויי?

ב) אין פרשת במדבר [9] זאָגט רש"י אויף דעם וואָס בני אהרן ווערן גערופן אין פסוק „תולדות משה", אַז דאָס איז „לפי שלמדן תורה, מלמד שכל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו". איז די קשיא: פאַרוואָס אין פרשת במדבר, וואו רש"י זאָגט אַז תלמידים ווערן אָנגערופן תולדות, זוכט ער ניט קיין ראיות דערצו פון אַנדערע ערטער און ער באַנוגנט זיך מיט דעם וואָס עס שטייט דאָרט גופא „תולדות משה". אָבער ווען עס קומט אין פרשת ואתחנן, וואו רש"י זאָגט אַ צווייטן מאָל „שהתלמידים קרויים בנים", זאָגט ער „מצינו כו'" און ברענגט ראיות צו דעם?

ג) ווען רש"י דאַרף שוין יע אָנקומען צו ראיות אַז תלמידים קרויים בנים, ברענגט ער ראיות פון פסוקים, וואָס (א) דער תלמיד האָט זיי נאָך ניט געלערנט, און (ב) וואָס רש"י אַליין האַלט אַז פון יעדער פסוק באַזונדער איז ניט קיין ראי' מספקת (וואָס דערפאַר מוז ער אָנקומען צו אַלע דריי פסוקים [10]) — ער האָט דאָך געקענט ברענגען אַ ראי' פון פסוק „תולדות גו' משה" וואָס (א) דער תלמיד האָט שוין געלערנט, און (ב) אין אים שטייט קלאָר (ווי רש"י איז דאָרט מפרש בפשטות) אַז תלמידים ווערן אָנגערופן תולדות?

ד) אין ספר משלי רופט אָן שלמה המלך יעדערן פון זיינע תלמידים (פאַר

---

4) ואפילו בפירושו על הש"ס „רגיל לפרש יותר קרוב לפשוטו אע"ג דלית הלכתא הכי" (יד מלאכי כללי רש"י בתחלתם).

5) ג, ח (ומה שמסיים „ולאגדה כו'" — ראה להלן הערה 37). שם, כד. (וראה שם, כג. ד, ח. ו, ג). ויתירה מזו: גם כש„אין המקרא אומר אלא דרשוני" (כי הפשט אינו גלאַטיק כלל), משתדל רש"י לפרשו (גם) כפשוטו (ראה שם א, א).

6) ראה יד, א.

7) מלכים ב ב, ג. ושם „בית". וגם מכאן ראי' דכיון דרש"י בפירושו עה"ת לפרש פשוטו של מקרא בא — מעתיק עיקר ותוכן הפסוקים ומחז"ל שמביאם לראי' וכיו"ב, אבל אינו מדייק להביא הלשון, ובפרט כשהלשון דורש פירוש (כבנדו"ד אשר „בית" שבכתוב הוא כמו „בבית").

8) דה"י ב כט, יא.

9) ג, א.

10) כדלהלן סעיפי ט־יג.

ווענען ער זאָגט די דברי מוסר פון דעם דאָזיקן ספר) מיטן נאָמען „בני״ עטלעכע און צוואַנציק מאָל. טאָ פאַרוואָס דאַרף רש״י ברענגען וואָס חזקי׳ האָט גערופן אידן „בני״ איין מאָל (און אויך דעם איינציקן מאָל איז נאָך ניט קלאָר אַז דאָס איז איבער דעם וואָס זיי זיינען געווען זיינע תלמידים, כדלהלן סעיפי ג־ד), ער האָט דאָך געקענט ברענגען דערפון וואָס שלמה׳ס ווענדונג צו זיינע תלמידים איז כסדר מיטן נאָמען „בני״ ?

די קשיא איז נאָך שטאַרקער:

וואָס חזקי׳ האָט גערופן זיינע תלמידים בני, שטייט אין דברי הימים, אָבער שלמה רופט זיינע תלמידים בני אין ספר משלי, האָט דאָך רש״י געדאַרפט לכאורה בעסער ברענגען די ראי׳ פון ספר משלי, ווייל [11]

(א) אין „סדרן של כתובים״ קומט ספר משלי פאַר ספר דברי הימים [12], און ער איז אויך געשריבן געוואָרן פריער (וואָרום משלי איז געשריבן געוואָרן דורך חזקי׳ וסיעתו, און דברי הימים — דורך עזרא ונחמי׳ [13]).

(ב) דער תוכן פון ספר דברי הימים איז כשמו — דברי הימים. משא״כ דער תוכן פון ספר משלי איז — לימוד לתלמידים, ווי עס שטייט גלייך בתחילת הספר „לדעת חכמה ומוסר, להבין אמרי בינה״.

איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז בעת מ׳וויל ברענגען אַ ראי׳ אַז אַ רב רופט תלמידים בנים, דאַרף מען ניט אָנקומען צו דעם וואָס מען געפינט עס איין מאָל און אין אַ ספר פון דברי הימים — בעת אין אַ גאַנצן ספר לימוד, האַלט דער רב אין איין ווענדן זיך צו זיינע תלמידים מיטן אויסשפּראַך בני.

ג. אויסער די שוועריקייט פאַרוואָס רש״י ברענגט ניט קיין ראיות פון אַנדערע ערטער, זיינען אויך פאַראַן כמה דיוקים אין די ווערטער וואָס רש״י שרייבט יע:

א) ווען רש״י ברענגט די ראי׳ פון „בני הנביאים״ איז ער מוסיף די ווערטער „אשר בבית א־ל״. ולכאורה, צו באַווייזן אַז „תלמידים קרויים בנים״ איז דאָך נוגע בלויז די ווערטער „בני הנביאים״. צוליב וואָס איז ער מעתיק אויך „אשר בבית א־ל״?

די קשיא איז נאָך גרעסער: אין ספרי — פון וואַנען רש״י איז מעתיק זיין פירוש — ווערן געבראַכט נאָר די ווערטער „(ויצאו [14]) בני הנביאים״, און עס שטייען ניט די ווערטער „אשר בית א־ל״. פאַרוואָס איז רש״י יע מוסיף די ווערטער?

נאָך מער פלא (און דאָס איז שווער אויך אין ספרי): דער לשון „בני הנביאים״ שטייט שוין אין תנ״ך [15] מיט עטלעכע קאַפּיטלעך פאַר דעם פסוק „ויצאו בני הנביאים אשר בית א־ל״. איז פאַרוואָס ברענגט ניט (דער ספרי און ניט)

11) נוסף על מה ששלמה הי׳ אבי אבי כו׳ של חזקי׳.

12) ב״ב יד, ב.

13) שם טו, א.

14) מה שרש״י משמיט תיבת „ויצאו״ — מובן בפשטות, כי (עפ״י דרך הפשט) אי״ז נוגע להוכחה שתלמידים קרויים בנים.

ויש לומר, שגם הוכחת הספרי אינה מתיבת ויצאו, ומה שמעתיקה הוא רק בכדי לציין על ידה את הכתוב (מ״ב ב, ג) שנאמר בו „אשר בית א־ל״ ולשלול את הכתוב שבמ״א כ, לה. (וההפרש שבין רש״י לספרי אינו בהתוכן ורק באופן הבירור לאיזו כתוב הכוונה. שהספרי מבררו ע״י התחלתו „ויצאו״ ורש״י מעתיק התיבות „אשר בבית א־ל״ הנוגעים להוכחה (כדלהלן סעיף יא), ובמילא מיותר „ויצאו״).

15) מלכים א כ, לה.

רש״י אַ ראַי׳ אַז „תלמידים קרויים בנים״ פון דעם ערשטן מאָל וואו עס שטייט „בני הנביאים״?

ב) נאָך אַ שינוי פון לשון רש״י לגבי לשון הספרי: אין ספרי שטייט „וכן אתה מוצא בחזקי׳ מלך יהודא שלימד כל ה־תורה כולה לישראל״. וואָס דער שינוי פון רש״י דאָ באַשטייט אין דריי זאַכן: (א) ער איז משמיט „מלך יהודא״. (ב) ער שרייבט תורה סתם און ניט „כל התורה כולה״. (ג) ער איז מוסיף „לכל ישראל״, ניט „לישראל״ סתם, כבספרי.

איז דאָס וואָס רש״י איז משמיט „מלך יהודא״ — איז פאַרשטאַנדיק. ווייל די ווערטער זיינען ניט נוגע כלל לעניננו (ואדרבה, זיי גיבן אַ מקום לטעות אַז דאָס וואָס חזקי׳ האָט גערופן אידן בני איז עס מצד דעם וואָס ער איז געווען זייער מלך (ראה להלן סעיף יד) און ניט מצד דעם וואָס ער האָט געלערנט מיט זיי תורה).

אויך דאָס וואָס רש״י שרייבט ניט „כל התורה כולה״ — איז מובן, ווייל אויך ווען מ׳לערנט מיט אַ תלמיד בלויז פרק אחד אָדער פסוק אחד ווערט שוין דער תלמיד אָנגערופן בן.

[ואדרבה: אויב רש״י וואָלט געשריבן „כל התורה כולה״ (אַז דוקא אַזאַ תל־מיד איז קרוי בן) וואָלט עס גאָר געווען אַ סתירה צו זיין פירוש „ושננתם לבניך — אלו התלמידים״ — ווייל ס׳איז מובן אַז אין דעם פסוק רעדט זיך אויך וועגן דעם לימוד פון נאָר אַ חלק בתורה].

ס׳איז אָבער ניט מובן וואָס רש״י איז מוסיף „לכל ישראל״: ס׳איז דאָך פשוט אַז אויך ווען מען לערנט תורה מיט איין אידן ווערט דער תלמיד אָנגערופן בן.

ד. נאָך דעם ווי רש״י ברענגט די ראַ־יות אַז תלמידים קרויים בנים איז ער מו־סיף: „וכשם שהתלמידים קרויים בנים שנאמר בנים אתם לה׳ אלקיכם כך הרב קרוי אב (פונקט ווי די תלמידים ווערן גערופן בנים, ווי עס שטייט בנים אתם לה׳ אלקיכם, אַזוי ווערט דער רב אָנ־גערופן אב. און ברענגט דערויף א ראַי׳) שנאמר[16] „אבי אבי רכב ישראל וגו׳״ (וואָס דאָס וואָס אלישע האָט אָנגערופן אלי׳ „אבי אבי״ איז עס מצד דעם וואָס ער איז געווען זיין רבי[17]).

איז אין דעם ניט מובן:

א) צו רש״י׳ס פירוש „לבניך אלו ה־תלמידים״ איז דאָך נאָר נוגע אַז „התל־מידים קרויים בנים״. צוליב וואָס איז ער מוסיף אַ גאַנצן ענין אַז „הרב קרוי אב״?

ב) אויב רש״י וויל דאָס שוין יע שרייבן, איז לכאורה גענוג ער זאָל זאָגן „וכן הרב קרוי אב״. וואָס איז נוגע די גאַנצע אריכות „וכשם שהתלמידים קרויים בנים כו׳ כך הרב קרוי אב״ — אַז דאָס וואָס הרב קרוי אב איז עס אין דעם זעלבן אופן ווי תלמידים קרויים בנים?

ג) ווען רש״י ברענגט „וכשם שה־תלמידים קרויים בנים״ (צוליב מסיים זיין „כך הרב קרוי אב״), איז ער מו־סיף: „שנאמר בנים אתם לה׳ אלקיכם״. ולכאורה, רש״י האָט דאָך שוין אָט ערשט געשריבן — און געבראַכט דריי ראיות

---

16) מלכים ב ב, יב.

17) בפרשת האזינו (לב, ז) מוכיח רש״י מכתוב זה שהנביאים נקראים אבות, ומפרש שהתואר „אבי״ הוא אב לישראל (שלכן מעתיק רש״י שם גם התיבות „רכב ישראל״, להוכיח ש„אבי אבי״ הוא גם ביחס לישראל (כדלהלן הערה 52)). אבל ממה שקרא אלישע לאלי׳ „אבי אבי״ בלשון יחיד (ותיבת „ישראל״ הוסיף רק אחרי תיבת רכב), מוכח שעיקר תואר „אבי״ הוא בנוגע לאלישע, לפי שהי׳ רבו. וכדפירש״י במלכים שם (וכ״ה בתרגום שם ועוד) „רבי רבי״.

— אַז התלמידים קרויים בנים, טאָ פאַר־וואָס דאַרף ער נאָכאַמאָל ברענגען אַ ראַי׳ דערויף (און — דווקא די איין ראַי׳ און ניט זאָגענדיק אפי׳ וכו׳ — אַלס אַ רמז אַף די אַנדערע צוויי ראיות) תיכף ביים איבער׳חזר׳ן דאָס צום צווייטן מאָל[18]?

ד) אויף דעם וואָס „הרב קרוי אב״ ברענגט רש״י אַ ראַי׳: „שנאמר אבי אבי רכב ישראל וגו׳״. אין ספרי איז ער מעתיק נאָך ווערטער פון יענעם פסוק: „ואלישע רואה והוא מצעק אבי אבי רכב ישראל ופרשיו ולא ראהו עוד ויחזק בבגדיו וגו׳״, רש״י אָבער איז מעתיק נאָר די ווערטער „אבי אבי רכב ישראל״. איז פאַרשטאַנדיק וואָס רש״י שרייבט ניט די אַלע אַנדערע ווערטער — ווייל על פי דרך הפשט פעלן זיי ניט צו דער ראַי׳ אַז „הרב קרוי אב״. צוליב וואָס דאַרף ער אָבער ברענגען די ווערטער „רכב ישראל״? אויך זיי נויטיקן זיך דאָ ניט לכאורה[19], ווייל צו באַווייזן אַז „הרב קרוי אב״ זיינען דאָך נוגע נאָר די ווערטער „אבי אבי״.

ה) כמדובר כמה פעמים איז משמע אַז דרכו של רש״י בכל מקום[20], ווען ער ברענגט געוויסע ווערטער פון אַ מיטן־פסוק שרייבט ער ניט וגו׳. סיידן ווען אויך די ווייטערדיקע ווערטער זיי־נען נוגע צום ענין וועלכן ער וויל אַרויס־ברענגען — די זיינען אָבער ניט אַזוי מוכרח, דאַן באַנוגנט ער זיך מיט מרמז זיין זיי דורך „וגו׳״ און איז זיי ניט מעתיק בפירוש.

וויבאַלד אַז דאָ איז רש״י מוסיף „וגו׳״ נאָך די ווערטער „רכב ישראל״, איז מובן אַז אויך דער וואָרט „ופרשיו״ וואָס שטייט אין פסוק נאָך רכב ישראל איז נוגע צו הבנת הענין כאן (כאָטש ער איז ניט אַזוי מוכרח, וואָס דעריבער איז רש״י אים ניט מעתיק בפירוש).

דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס פאַר אַ תוספת הבנה קומט צו אין אונזער ענין דורכן וואָרט „ופרשיו״?

ה. דאָס וואָס רש״י לערנט „לבניך אלו התלמידים״ — און ניט לבניך כ־פשוטו — האָט מען לכאורה געקענט מבאר זיין:

אין פרשת תשא[21] זאָגט רש״י „כיצד סדר המשנה״ — אַז צום ערשטן האָט משה געלערנט מיט אהרן, דערנאָך מיט בני אהרן וכו׳ און איז מסיים: „נמצא ביד כל העם א׳ ביד הזקנים ב׳ ביד בני אהרן שלשה ביד אהרן ארבעה״. איז ניט מובן[22]: ווי קומט עס אַז אהרן זאָל דאַרפן הערן (יעדער ענין בתורה) פיר מאָל, און פאַר די וואָס זיינען קלענער פון אים זאָל מספיק זיין צו הערן בלויז דריי אָדער צוויי מאָל, ביז אַז פאַר „כל העם״ איז געווען גענוג צו הערן נאָר איין מאָל? אויף דעם איז רש״י דאָרט מוסיף „וכו׳ כדאיתא בעירובין״, מיינענדיק וואָס עס שטייט דאָרט[23] אַז נאָך דעם ווי משה האָט פאַרענדיקט די פיר מאָל לערנען „שנה להן אהרן פרקו כו׳ שנו להן בניו פרקן כו׳ שנו להן זקנים פרקן״. וואָס אַזוי אַרום קומט אויס (ווי די גמרא פירט

18) ובפרט שבספרי אינו מביא עוד פעם את הפסוק.

19) ובפרט שההוכחה ש„הרב קרוי אב״ הוא ממה שאלי׳ נקרא אביו של אלישע, ולא של ישראל (ראה לעיל הערה 17).

20) וגם בפירש״י זה גופא אינו כותב וגו׳ בהפסוקים שלפנ״ז — אף שהתיבות שרש״י מעתיקם הם באמצע הכתוב.

21) לד, לב.

22) אין להוכיח מזה דלא התחיל משה בלימוד לבניו — די״ל דאז (בזמן פ׳ תשא) בני שנה ושנתיים היו. וצע״ק ממש״נ לא־חר לידת גרשום „בימים הרבים״ (שמות ב, כג. וראה רמב״ן שם).

23) נד, ב.

דאָרטן אויס) „נמצא ביד הכל ארבעה".

פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט עס זאָל זיין „ביד הכל ארבעה"? איז עס מובן בפשטות, ווייל דוקא ווען מען הערט אַן ענין מערערע מאָל, פיר מאָל, ווייס מען אים גוט, באופן אַז די דברי תורה זיינען „מחודדים בפיך" — כפירוש רש"י אויף „ושננתם". און על דרך זה אויך אין אַנהויבס פון פ' משפטים[24].

די שאלה אָבער איז: דער חיוב פון „ושננתם" איז דאָך נאָר „לבניך", וואָס אין פשטות — אַן פירוש רש"י — מיינט עס בנים כפשוטו. פאַרוואָס זיינען געווען מחוייב די בני אהרן און די זקנים[25] איבערלערנען יעדער ענין נאָכאַמאָל ביז עס זאָל זיין „ביד הכל ארבעה"? ווען די אידן וואָלטן אַפילו קיין איין מאָל ניט געהערט, וואָלטן די בני אהרן והזקנים אויך ניט געווען מחוייב צו לערנען מיט זיי. ועאכו"כ אַז אַלע אידן האָבן שוין געהערט יעדן ענין צוויי מאָל — פון משה און פון אהרן — זיינען דאָך די בני אהרן והזקנים אַוודאי ניט געווען מחוייב צו איבערלערנען נאָכאַמאָל בכדי ס'זאָל זיין „ביד הכל ארבעה"? ואין לומר אַז זיי האָבן עס געטאָן „לפנים משורת הדין" — וואָרום ווי רש"י זאָגט דאָרט איז דאָס געווען דער „סדר המשנה".

דעריבער לערנט רש"י „לבניך אלו התלמידים", און ממילא איז לערנען מיט תלמידים יעדער ענין פיר מאָל — סדר המשנה.

ו. דער ביאור אָבער איז ניט מספיק. ווייל

א) דאָס וואָס אהרן, בניו און די זקנים האָבן איבערגעלערנט לאחר ווי „נסתלק משה", איז ניט מוכרח אויף אַזוי פיל אין פשטות הכתובים, וואָס דערפאַר ברענגט עס ניט רש"י בפירוש, נאָר ער איז עס בלויז מרמז מיט וכו'. קען מען דאָך ניט זאָגן אַז רש"י'ס הכרח לפרש — עפ"י דרך הפשט — לבניך אלו התלמידים איז פון אַן ענין וואָס איז ניט מוכרח אין פשט.

ב) די ראי' פון „סדר המשנה" איז נאָר, אַז ערגעץ וואו איז געזאָגט געוואָרען אַ חיוב צו לערנען אויך מיט אַנדערע אידן, ניט נאָר מיט בנים. ס'איז אָבער ניט מוכרח אַז דער חיוב שטייט דוקא אין דעם פסוק „ושננתם לבניך". איז צי דען ווייל מיר געפינען ניט קיין אַנדער פסוק פאַר אָט דעם חיוב, וועט מען מפרש זיין „לבניך אלו התלמידים" — היפך פון דעם פירוש הפשוט?!

ג) נאָך מער: אַפילו לויט פירוש רש"י „לבניך — אלו התלמידים" דאַרף מען נאָך אַלץ זוכן אַן אַנדער מקור צו דעם וואָס אהרן, בניו והזקנים האָבן געלערנט מיט אַנדערע אידן. וואָרום דער פסוק ושננתם לבניך איז ערשט געזאָגט געוואָרן אין משנה תורה, בשנת הארבעים, און דער „סדר המשנה" איז דאָך געווען שוין בשנה הראשונה.

ז. איז דער ביאור אין דעם:

אויף „אחלקם ביעקב ואפיצם בישר-

---

24) כא, א. ועד כמה מדויקים דברי רש"י נראה גם בזה שכתב שם רק „ב' או ג' פעמים" (דע"ד הפשט — ע"ד הרוב — ד' פעמים מספיק, כ„סדר משנה" הנ"ל), משא"כ במכילתא.

25) מה ששנה משה מובן גם להפירוש ושננתם לבניך כפשוטו — אף שלפי פירוש זה לא ישנו חיוב ללמד לתלמידים אפילו פעם אחת — כי משה נצטווה „דבר אל בני ישראל".

וגם בנוגע לאהרן יש לומר בדוחק שמה ששנה להן פירקו הי' בעיקר בכדי שיהי' ביד בניו ארבעה.

אל״ [26] איז רש״י מפרש (און ער זאָגט דאָס בפירוש, ווייל אַזוי איז מוכרח דאָרט פון פשטות הכתוב [27]), אַז די בני שמעון וועלן האָבן זייער פרנסה פון זיין סופרים און מלמדי תינוקות.

אויב מען וועט לערנען „ושננתם לבניך" כפשוטו, אַז יעדער פאָטער איז מצווה ער זאָל אַליין לערנען מיט זיינע קינדער [28], וועט דאָך דאַן אויסקומען אַז די גאַנצע מציאות פון מלמדי תינוקות איז שייך נאָר אין פאַל ווען די קינדער האָבן ניט קיין פאָטער ר״ל, אָדער ווען זייער פאָטער איז אַזאַ גרויסער עם־הארץ וואָס אַפילו מיט תינוקות קען ער ניט לערנען, אָדער ווען ער איז עובר ר״ל אויף דער מ״ע פון „ושננתם לבניך".

שטעלט זיך דאָך די קשיא: ווי האָט יעקב אָבינו געגעבן די בני שמעון אַ פרנסה זיי זאָלן זיין (סופרים און) מלמדי תינוקות, בשעת די גאַנצע מציאות פון מלמדים איז אַזוי זעלטן? דאָס איז מכריח צו לערנען אַז „ושננתם לבניך" איז ניט כפשוטו. און וויבאַלד אַז אויפן פאָטער איז ניטאָ קיין חיוב פערזענליך צו לערנען תורה מיט זיינע זין, איז שוין פאַרשטאַנדיק אַז די פרנסה פון שבט שמעון איז באַזירט אויף אַ פעסטן באָדן, ווייל יעדער פאָטער וועט געוויס דינגען אַ מלמד פאַר זיינע קינדער און צאָלן אים שכר־לימוד (כאָטש ס'איז ניט געשריבן קיין חיוב פאַר אים דאָס צו טאָן), פונקט ווי ער באַזאָרגט זיינע קינדער מיט אַלע זייערע צרכים.

און דאָס איז אויך מוכרח פון נאָך ערטער: פריער אין פרשת ויחי [29] זאָגט רש״י „אפרים הי׳ רגיל לפני יעקב בתלמוד". און אויך אין סיום פון יענער סדרה אויפן פסוק „בני מכיר בן מנשה יולדו על ברכי יוסף" [30], זאָגט רש״י „שגדלן בין ברכיו", וואָס נראה לומר כוונתו [31], אַז ער האָט געלערנט מיט זיי תורה. איז אויב מ'וועט זאָגן אַז „ושננתם לבניך" מיינט כפשוטו, וועט דאָך זיין זייער שווער: ווי קומט עס אַז יעקב אבינו זאָל צונעמען פון יוסף'ן די מצות עשה פון ושננתם, און יוסף זאָל זי צונעמען פון מכיר'ן [31*]? (וואָרום „רגיל" און „שגדלן" מיינט דאָך ניט אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן אַ מאָל, צופעליק, נאָר אַזוי איז געווען דער סדר הרגיל, קומט דאָך אויס אַז יעקב האָט צוגענומען די מצוה פון יוסף'ן און יוסף פון מכיר'ן).

ח. אין אמת'ן דאַרף מען כלל ניט אָנקומען צו די אַלע אויבנדערמאָנטע פסוקים. ביי דעם „בן חמש למקרא", לערנענדיק דעם פסוק ושננתם לבניך,

---

26) ויחי מט, ז.

27) ההכרח לפירוש זה — ראה שיחת ש״פ ראה תשכ״ח. ושם, שמה שבני שמעון היו מלמדי תינוקות הוא גם לפי פירוש הראשון.

28) כי במצוה חיובית, אינה מועלת שליחות בדרך הפשט

[ושאני שחיטת קרבן פסח, שבה — שלוחו של אדם כמותו (פירש״י בא יב, ו), כי שם המדובר שיש לו זכות וכו׳ (דאין כל חיוב — ע״ד הפשט — על כאו״א. ואדרבא. ועיד קיחתו, שאישי אחד לכל המשפחה)],

ובמילא א״א להאב לפטור עצמו מהחיוב דושננתם ע״י עשיית שליח, כמו שאינו יכול לפטור עצמו ע״י עשיית שליח מהחיוב ד„ודברת בם"; „וקשרתם"; „וכתבתם" ועוד הסמוכים ל„ושננתם".

29) מח, א.

30) נ, כג.

31) כי גדלן כפשוטו, פשוט שהוריהם גדלו אותם.

*31) שהרי יעקב ויוסף קיימו המצות עד שלא ניתנו (פרש״י וישלח לב, ה. ויחי מח, ט) ולא מצינו זה בבני אהרן והזקנים (ראה בפנים סו״ס וא״ו).

שטעלט זיך די קשיא פון דעם וואָס ער אַליין זעט מיט זיינע אויגן:

דער קינד לערנט אין חדר ביי אַ מלמד, אויך לערנען אין דעם חדר נאָך אינגלעך. אויך ווייס דער בן חמש למקרא אַז ס'זיינען פאַראַן נאָך אַ סך חדרים וואו מלמדים לערנען מיט קינדער, איז ווען ער קומט צום פסוק „ושננ־תם לבניך", פרעגט ער: פאַרוואָס האָט מיך מיין פאָטער אַריינגעגעבן אין חדר צום מלמד און לערנט ניט אַליין מיט מיר — און אַזוי טוען אויך די טאַטעס פון אַלע אַנדערע אינגלעך: זיינען דען די טאַטעס פון אַלע קינדער עובר ח"ו אויף אַ מצות עשה? ענטפערט אים רש"י „לבניך אלו התלמידים", ובמילא איז דיין פאָטער ח"ו ניט עובר אויף קיין מצוה, ווייל ס'איז ניטאָ (עפ"י דרך הפשט) קיין חיוב צו לערנען פערזענליך מיט די אייגענע קינדער.

ט. טענה'ט אָבער דער בן חמש למק־רא, עס שטייט דאָך לבניך, איז ווי קען מען טייטשן „אלו התלמידים"? זאָגט אויף דעם רש"י אַז מען געפינט אין נאָך ערטער, ואדרבה — בכל מקום, אַז תל־מידים ווערן גערופן בנים — אַזוי ווי „בנים אתם לה' אלקיכם", אַז אידן הייסן דעם אויבערשטנס בנים מצד דעם וואָס זיי לערנען פון אים תורה.

מיט דעם פסוק אַליין קען זיך אָבער רש"י ניט באַגנוגענען, און ער ברענגט אויף די פסוקים „בני הנביאים גו'" און „בני עתה אל תשלו", ווייל

[נוסף אויף דעם וואָס אינעם פסוק בנים אתם לה' אלקיכם קען מען איינ־לערנען בדוחק, אַז דאָס וואָס אידן ווערן אָנגערופן דעם אויבערשטנס קינדער איז עס אַ לשון של חיבה, ווי מען זעט במוחש אַז בעת איינער וויל אויסדריקן זיין ליבשאַפט צו אימעצן וואָס איז אים טייער, רופט ער אים „קינד מיינער", היות ווי די גרעסטע אהבה וואָס מען קען אויסמאָלן איז די אהבה פון עלטערן צו קינדער

(און כאָטש אַז די אהבה פון אויבערשטן צו אידן איז פיל גרעסער ווי די אהבה פון עלטערן צו קינדער — כידוע מאמר הבעש"ט [32] אַז די אהבה פון עלטערן צו אַ בן יחיד שנולד להם לעת זקנתם קומט ניט צו דער אהבה פון דעם אויבערשטן לכל אחד ואחד מישראל — פונדעסט־וועגן, איז „דברה תורה כלשון בני אדם", און וויבאַלד אַז די גרעסטע אהבה ביי אַ מענטשן איז די אהבה פון עלטערן צו קינדער, זאָגט דעריבער דער פסוק „בנים אתם לה' אלקיכם" — „לשבר את האוזן מה שהיא יכולה לשמוע" [33]),

איז נוסף אויף דעם — אַפילו אַז מען וועט שוין לערנען אַז דער וואָרט „בנים" אין פסוק איז (ניט קיין חיבה ומליצה־לשון, נאָר) דער ריכטיקער נאָמען, ד. ה. אַז אידן ווערן אָנגערופן בניו של הקב"ה ווייל זיי זיינען מקבל פון אים אַן ענין וואָס איז נוגע אין זייער עיקר מציאות — אַזוי ווי אַ בן וואָס זיין מציאות נעמט זיך פון אַב,

איז נאָך אַלץ קיין ראי' ניט אַז דאָס איז דערפאַר וואָס זיי זיינען דעם אויי־בערשטנס תלמידים און האָבן געלערנט פון אים תורה, וואָרום]

מען קען זאָגן, אַז דער ענין וועלכן אידן האָבן מקבל געווען פון דעם אויבערשטן, וואָס צוליב אים ווערן זיי גערופן זיינע בנים, זיינען עס די תרי"ג מצוות [34].

---

32) לקו"ש ח"ג ע' 982. ח"ו ע' 286.

33) כדפירש"י יתרו יט, יח.

34) ואף שמצד החיוב במצוות, שייך יותר התואר „עבד" מהתואר „בן" — כמבואר בכ"מ בענין ההפרש שבין „בן" ל„עבד" שבן הוא מצד לימוד התורה ועבד

וואס אויך זיי זיינען אַ דבר עיקרי אין דער מציאות פון אידן.

יו״ד. אַ הוספה דערצו אַז מצד יעדן ענין (עיקרי) וועלכן מ׳איז מקבל — ניט נאָר מצד לימוד התורה — פּאַסט דער תואר ״בנים״:

אין פרשת שמות[35] שטייט ״בני בכורי ישראל״, זעט מען דערפון אַז אידן ווערן אָנגערופן דעם אויבערשטנס בנים נאָך זייענדיק אין מצרים, פאַר מתן תורה[36]. נאָך מער: פון לשון ״בני בכורי ישראל״ ווייזט אויס (לויטן צווייטן פּירוש פון רש״י[37]) אַז (פאַר מתן תורה) זיינען אויך ניט־אידן להבדיל דעם אויבערשטנס בנים, און די מעלה פון אידן באַשטייט אין דעם וואָס זיי זיינען ״בני בכורי״. מוז מען דאָך זאָגן, אַז דער תואר ״בן״ דאָרטן איז ווייל דער אויבערשטער האָט זיי באַשאַפן און זיי ווערן שטענדיק פון אים געשפּייזט, ווי ס׳שטייט ״הזן את העולם כולו״.

איז כאָטש ס׳איז מובן אַז דער תואר ״בנים״ אין פסוק ״בנים אתם גו׳״, וואו בלויז אידן (״אתם״) ווערן גערופן בנים, איז אַ סך אַ העכערער ווי דער תואר ״בן״ אין פרשת שמות וואָס אויך ניט־אידן ווערן מיט אים גערופן; אָט דער תואר ״בנים״ וואָס איז נאָר ביי ״אתם״ איז מצד דעם וואָס אידן (און נאָר אידן) זיינען מקבל אַזאַ ענין פון דעם אויבערשטן וואָס איז פיל העכער פון דעם וואָס ער איז ״זן את העולם כולו״,

און וויבאַלד אַז אויך אַ בן חמש למקרא ווייס אַז ״אשר בחר בנו מכל העמים״ איז פאַרבונדן מיט ״ונתן לנו את תורתו״ [*37], לייגט זיך אויפן שכל אַז דאָס וואָס עס שטייט ״בנים אתם לה׳ אלקיכם״ (וואָס דער פסוק איז געזאָגט געוואָרן נאָך מתן תורה) איז עס מצד דעם וואָס אידן האָבן מקבל געווען די תורה,

איז נאָך אָבער פון דאַנען ניט קיין ראי׳ מוכחת אַז זיי ווערן גערופן בנים ווייל זיי האָבן געלערנט תורה פון אויבערשטן — עס קען זיין אַז דאָס איז צוליב די תרי״ג מצוות וואָס ער האָט זיי געגעבן ביי מתן תורה.

דעריבער ברענגט רש״י נאָך אַ ראי׳ פון ״בני הנביאים״, וואָס דאָרט מוז מען זאָגן אַז דער תואר בנים איז ווייל זיי האָבן געלערנט פון די נביאים.

---

מצד קיום המצות — הרי (א) זהו לאחרי הידיעה שתלמידים קרויים בנים. (ב) גם אדון נקרא אב (מ״ב ה, יג — ראה תרגום ורש״י שם) שמזה מובן שעבד נקרא (ג״כ) בן.

35) ד, כב.

36) במס׳ שבת (פט, ב): בשעה שהקדימו לפניך נעשה לנשמע קראת להם בני בכורי, ה״ז הי׳ בחמשה בסיון (פרש״י ס״פ משפטים) — קודם מ״ת. ועפ״ד הפשט, אין ל״בני בכורי״ כלל שייכות לענין מתן תורה. וגם בתניא רפ״ב, שהתואר ״בני בכורי״ הוא מעלת הנשמה מצד עצמה (ולא מצד קבלת התורה). אלא שבתניא שם, שגם הכתוב בנים אתם להוי׳ הוא מצד הנשמה עצמה, ודלא כהספרי ופירש״י כאן ש״בנים אתם״ הוא מצד מתן תורה. אף שבדוחק קצת י״ל.

37) ואף שפירוש זה הוא ״מדרשו״ — הרי כבר נתבאר כמה פעמים, שכל המובא בפירש״י עה״ת צ״ל (עפ״י הודעת רש״י עצמו — ראה לעיל הערה 5) ע״ד פשוטו של מקרא (ובאם א״א, אומר רש״י ״לא ידעתי״ אף שגם ושם ישנם פירושי רז״ל וכו׳). ובמילא המשך רש״י שם ״ומדרשו״ (א) הוא ג״כ עפ״י פשוטו (אלא שלא בפשטות כ״כ). (ב) עוד ועיקר: מוכיח שפירוש הראשון אינו מספיק כו׳. וק״ל. ועוד י״ל בפרש״י שמות שם ואכ״מ.

---

*37) להעיר מפרש״י (בראשית א, א) ״בראשית כו׳ בשביל התורה כו׳ ובשביל ישראל״ — דאין מחלקם לשני פירושים.

יא. בעת רש״י ברענגט די ראי׳ פון „בני הנביאים״ מוז ער שוין אויך שרייבן די ווערטער „אשר בבית א־ל״, ווייל אַן די דאָזיקע ווערטער וואָלט מען געקענט לערנען אַז מיט „בני הנביאים״ ווערט געמיינט (ניט תלמידים פון נביאים, נאָר) נבואה־מענטשן. ד. ה. אַזוינע מענטשן וואָס ענינם ומהותם איז — נבואה. ע״ד ווי דער לשון „בני קדם״ 38 וואָס מיינט קדם־מענטשן און ניט קינדער פון קדם, און עד״ז „בני שנה״ 39 וואָס דער לשון איז מתאר זייער ענין — ניט עס מיינט די קינדער פון שנה.

דעריבער איז רש״י מוסיף אויך די ווערטער „אשר בבית א־ל״, וואָס באַווייזן, אַז „בני הנביאים״ מיינט ניט נבואה־מענטשן, וואָרום אין בית א־ל זיינען דאָך ניט געווען קיין נביאי אמת 40 (ווי דערציילט פריער אין תנ״ך 41 אַז פון אַלע נביאי אמת איז איבערגעבליבן נאָר אלי׳ הנביא). במילא איז געדרונגען אַז „בני הנביאים״ מיינט תלמידי הנביאים, און זיי הייסן בני הנביאים מצד דעם וואָס תלמידים קרויים בנים.

יב. פון דעם פסוק אַליין איז אָבער אויך קיין ראי׳ ניט. וואָרום (בדוחק עכ״פ) קען מען זאָגן, אַז כאָטש איזבל האָט אומגעבראַכט אַלע נביאי ה׳ און ס׳איז געבליבן נאָר אלי׳ הנביא (והנביאים אשר במערה), איז אָבער לאחרי ווי אלי׳ הנביא האָט אויסגעהרג׳עט די נביאי הבעל, האָבן זיך צוריק אַנגעהויבן נביאי האמת. ובמילא קען מען נאָך אַלץ טייטשן אַז מיט „בני הנביאים״ — אויך אין דעם „בני הנביאים אשר בבית א־ל״ — ווערט געמיינט נבואה־מענטשן, און ניט תלמידי הנביאים.

גאָר גלאַט איז עס טאַקע ניט. ס׳איז זייער שווער צו זאָגן, אַז במשך פון אַזאַ קורצער צייט זאָל שוין זיין אַ גאַנ־

38) ויצא כט, א.

39) שמיני ט, ג.

40) ואף שהתנבאו (ונבואה אמיתית „היום גו׳ לוקח גו׳״ (מ״ב ב, ג) — לפי פירש״י כאן ולהתרגום במלכים שם „תל־מידי״ — י״ל שנבואתם היתה לא מצד עצמם, ועי״ד ש״א י, ו ואילך. ובחומש בהעלותך יא, כה. ועפי״ז מובן בפשטות מה שאמרו „ילכו נא ויבקשו גו׳ פן נשאו רוח ה׳״ (מ״ב ב, טז), לפי שנבואתם היתה מלכ־תחילה רק בכחו של אלי׳* (ראה פירש״י שם). (ועפי״ז יומתק „ואותר אני לבדי״ שאמר אלי׳ (מ״א יט, יו״ד. יד)).

ועפי״ז מתורצת קושיא חזקה ע״ד הפשט: א) „ואת אלישע גו׳ תמשח לנביא תחתיך״ (מ״א יט, טז) — הרי היו כו״כ נביאים כמותו (רש״י מ״ב ב, ג) בלאה״כ? ב) נש־ארו רק מאה נביאים (שבמערות) ומאין באו תיכף לאחרי זה — קבוצת נביאים ביריחו וכן בבית א־ל — ומשמע (מ״ב ב, ז) — דחמישים רק חלק קטן מהם.

41) מ״א יח, ד. שם, כב. ועוד.

*) ובכ״ז אפשר „שהיו שקולים כאלי׳״ (פירש״י שם, ג), כי רק על „יותר ממה שיש לי בידי״ נאמר הקשית לשאול (מ״ב ב, י ובפרש״י). ולהעיר מפירש״י בהעלותך (יא, טז): עמך כו׳ עם משה לשמוע דיבור כו׳ (אף שנאמר „אליו״ — ויקרא א, א — ובפרש״י שם) אף שהי׳ זה ע״י „ואצלתי מן הרוח אשר עליך ושמתי עליהם״ (בהע־לותך שם, יז).

וגם לפירש״י „שהיו שקולים כאלי׳״, פירוש „בני הנביאים״ הוא [לא אנשים שענינם נבו־אה, וכמו „בני קדם״, כי אם] כמו שמפרש רש״י (מ״ב ד, א) „כל בני הנביאים שבמקרא תרגומו תלמידי נבייא״, ובפרט שכבר ביאר בפירושו בחומש „לבניך אלו התלמידים״.

ומ״ש רש״י פירוש זה בפ״ד — אף שה־לשון „בני הנביאים״ נזכר כו״כ פעמים לפנ״ז — יש לומר, כי כאן — חידוש בדבר, דאף שעובדי׳ הי׳ נביא [וספר שלם מנבואתו (משא״כ „בני הנביאים״ שבבית א־ל ויריחו, וכן שבמ״א כ, לה, אף שנקרא (שם, לח) „הנביא״)] בכ״ז נק׳ „בני״ ותלמיד (ראה עובדי׳ בראב״ע שם).

צע קבוצה פון נביאי אמת. און נאָך אין בית א־ל — דער אָרט וואו עס איז געווען דער עיקר ע״ז פון ירבעם׳ן אָן [42]. (וואָס דערפאַר נעמט רש״י אָן, אַז פון דעם פסוק „בני הנביאים אשר בבית א־ל״ איז יע אַ ראי׳ „שהתלמידים קרויים בנים״ — ניט ווי פון דעם פסוק „בני הנביאים״ פון מלכים א׳ (כ, לה), וועלכן רש״י ברענגט ניט). פונדעסטוועגן, וויבאַלד אָבער בדוחק קען מען אַזוי פאַרט זאָגן — ברענגט רש״י נאָך אַ ראי׳ פון דעם וואָס חזקי׳ האָט אידן גערופן בנים איבער דעם וואָס ער האָט מיט זיי געלערנט תורה [43].

יג. אויף דער ראי׳ איז אָבער שווער: חזקי׳ איז געווען אַ מלך. און דער תפקיד פון אַ מלך איז — צו פאַרזאָרגן דעם פאָלק מיט אַלע זייערע באַדערפענישן, ווי אַ „רועה״ באַ „צאן״ [44]. קען מען דאָך פרעגן: פון וואַנעט איז די ראי׳ אַז חזקי׳ האָט זיי גערופן בנים ווייל ער האָט מיט זיי געלערנט תורה, עס קען דאָך זיין אַז דאָס איז דערפאַר וואָס ער האָט זיי פאַרזאָרגט מיט אַלע זייערע צרכים, און צוליב יעדער ענין (עיקרי) וואָס מ׳איז מקבל ווערט מען גערופן בן (וכנ״ל סעיף יו״ד)?

איז די הסברה אין דעם: מען געפינט ניט אין ערגעץ, אויסער ביי חזקי׳ן אַז מלכים זאָלן אָנרופן אידן בנים, איז דערפון געדרונגען אַז דאָס וואָס (דוקא) חזקי׳ האָט די אידן אַזוי גערופן איז מצד דעם וואָס ער האָט זיי געגעבן אַזאַ זאַך וואָס קיין אַנדער מלך האָט זיי ניט געגעבן. און וויבאַלד אַז מיר געפינען בלויז איין ענין וואָס חזקי׳ האָט געגעבן אידן מער פון אַנדערע מלכים, און דאָס איז דער ענין פון לימוד התורה, פאַרשטייען מיר דערפון, אַז ער האָט זיי גערופן בנים ווייל ער האָט מיט זיי געלערנט תורה.

און דערפאַר איז רש״י מוסיף „שלימד תורה לכל ישראל״, מיינענדיק דערמיט, אַז אין „לימוד התורה״, אין אָט דעם האָט זיך אויסגעצייכנט די השפעה פון חזקי׳ המלך צום גאַנצן אידישן פאָלק.

יד. אעפי״כ איז נאָך פון דעם ניט קיין ראי׳ מוכרחת אַז „תלמידים קרויים בנים״. מען קען זאָגן, אַז דאָס וואָס חזקי׳ האָט אידן גערופן בנים איז עס ווייל נוסף צו זיין לערנען מיט זיי תורה, האָט ער זיי אויך פאַרזאָרגט מיט צרכים הגשמיים, ווי אַנדערע מלכים. און דוקא צוליב זיין געבן אידן בידע זאַכן — סיי צרכים הגשמיים און סיי תורה — ווערן זיי גערופן בנים (היות אַז קבלת כל הצרכים — גשמיים ורוחניים — איז בדומה צו אַ בן וואָס כל צרכיו (און אויך מציאותו) איז פון אב). פון וואַנען איז אָבער די ראי׳ אַז די תלמידים וועלכע לערנען פון דעם רב תורה און זיינען ניט מקבל פון אים קיין אַנדערע זאַכן, ווערן אויך זיי גערופן בנים? דערפאַר ברענגט רש״י דעם פסוק „בני הנביאים גו׳״ [45], וואו מען געפינט אַז דער

---

42) מ״א יב, כט־לג.

43) הטעם מה שזקוק להביא הוכחה מחזקי׳, ואינו חוזר להוכחה הא׳ מ„בנים אתם לה״א״ — כי הפירכות שעל ב׳ הוכחות הראשונות יש בהן נקודה משותפת, שהלשון „בן״ שבכתובים אלו, אין הכוונה לתואר „בן״: „בנים אתם לה״א״ — לשון חיבה (כנ״ל סעיף ט); „בני הנביאים״ — אנשים שענינם נבואה. משא״כ הפירכא על ההוכחה „וכן בחזקי׳ . . קראם בנים״ הוא שקראם בנים בגלל שהי׳ גם מלכם (כדלהלן סעיף יד).

44) פנחס כז, יז.

45) אבל מ„בנים אתם לה״א״ אין הוכחה — כי פשוט שיש לפרש שהתואר „בנים״ שם הוא מצד ב׳ הענינים.

תואר בנים קען זיך בלויז מצד ענין הלימוד.

טו. לאחרי כל הנ"ל איז נאָך שווער: פאַרוואָס ברענגט ניט רש"י פון „תולדות משה" און פון ספר משלי?

איז דער ביאור אין דעם:

די קשיא וואָס אַרט רש"י'ן אין דעם פירוש „לבניך אלו התלמידים" (וואָס ער פאַרענטפערט מיט „מצינו בכל מקום שהתלמידים קרויים בנים") איז: פאַר־וואָס שטייט אין פסוק „לבניך", וואָס גיט אַן אָרט פאַר אַ טעות צו טייטשן לבניך כפשוטו? עס האָט דאָך געקענט שטיין „ושננתם לתלמידיך"[46]! און אויף דעם ענטפערט רש"י „מצינו בכל מקום שה־תלמידים קרויים בנים", אַז „בכל מקום" — אין גאַנץ תורה שבכתב, ווערן תל־מידים גערופן בנים. ובמילא קען מען ניט פרעגן פאַרוואָס עס שטייט ניט „ושננתם לתלמידיך", ווייל בכל מקום איז דער נאָמען פאַר תלמידים — בנים[47].

וואו זעט מען דאָס אַז בכל מקום ווערן תלמידים גערופן בנים? ברענגט רש"י עטלעכע ערטער וואו דער פסוק רופט אָן תלמידים מיטן נאָמען בנים, און ניט מיטן נאָמען תלמידים.

ועפי"ז מובן בפשטות וואָס רש"י דאַרף אָנקומען צו עטלעכע פסוקים — ווייל פון איין פסוק, און אַפילו פון צוויי — איז נאָר אַ ראי' אַז תלמידים קען מען אָנרופן בנים. ס'איז אָבער קיין ראי' ניט אַז דאָס איז זייער נאָמען בכל מקום,

46) אבל שתלמידים אפשר לקוראם בנים — כבר פירש לעיל במדבר ג, א. אבל ראה לקמן.

47) פעם אחת נמצא „תלמיד" (דה"א כה, ח). אבל ידוע דרך רש"י שבאם „לא מצאתי לו חבר" אינו גלאַטיק. ועאכו"כ שאין להק־שות על יסוד זה למה לא נאמר „לתלמידיך" במקום „לבניך".

בשעת מען זעט אָבער אין דריי ערטער [ובפרט אַז זיי זיינען אין אַלע חלקים פון תורה שבכתב: תורה, נביאים און כתובים] אַז דער פסוק רופט אָן תל־מידים מיטן נאָמען בנים, איז אַ ראי' אַז דאָס איז זייער איינציקער נאָמען.

לויט דעם איז מובן וואָס רש"י קען ניט ברענגען אַ ראי' פון דעם וואָס בני אהרן ווערן גערופן „תולדות משה": אמת טאַקע — דאָרטן לאָזט אונז דער פסוק הערן אַז „כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו", עס איז אָבער פון דאָרט ניט קיין ראי' מו־כחת אַז תלמידים הייסן בנים — ווייל דאָרט שטייט ניט דער נאָמען „בנים" [און דער לשון „תולדות" קען מען זאָגן בכלל אַז ער קומט נאָר להשמיענו[48] אַז „כל המלמד כו' כאילו ילדו", אָבער ניט בנוגע התחייבות וכו'].

אויך איז רעכט וואָס רש"י ברענגט ניט קיין ראי' פון דעם לשון „בני" אין ספר משלי, ווייל מען קען זאָגן, אַז די „משלי שלמה" האָט שלמה המלך פריער געזאָגט צו זיין זון (רחבעם וכו') און ערשט דער־נאָך האָט ער עס געמאַכט פאַר אַ ספר לימוד פאַר אַלעמען. און וויבאַלד אַז זאָגנ־דיק די משלים זיין זון האָט ער גענוצט דעם לשון בני, האָט ער שוין דעם לשון ניט געביטן פון בני אויף תלמידי אויך ווען ס'איז געוואָרן אַ ספר לימוד פאַר אַלעמען, היות אַז דער לשון פאַסט אויך פאַר יעדן תלמיד מצד דעם וואָס תל־מידים זיינען קרויים אויך בנים.

דעריבער ברענגט רש"י דעם פסוק וואו חזקי' האָט געזאָגט בני ניט צו זיי־נע קינדער — אויך מלכתחילה — איז

48) וגם לפי האמת שבכל מקום קרויים תלמידים בנים, מוכרחת לפרש כן — וכלשון רש"י שם „מלמד כו'" — דאל"כ, הי' לו לומר רק תולדות אהרן.

דערפון אַ ראי׳ אַז דער איינציקער נאָמען פאַר תלמידים אין תורה שבכתב איז בנים.

טז. לאחרי ווי רש״י פאַרענטפערט וואָס עס שטייט „לבניך" און ניט לתלמידיך, איז ער מוסיף „וכשם שהתלמידים קרויים בנים כך הרב קרוי אב". מיט אָט די ווערטער באַוואָרנט רש״י נאָך אַ קשיא וואָס מ׳קען פרעגן אויף זיין פירוש „לבניך אלו התלמידים":

דער פירוש פון „ושננתם" איז ווי רש״י זאָגט „לשון חידוד הוא, שיהיו מחודדים בפיך כו׳". פאַרשטייט מען דאָך, אַז צו לערנען מיט אַ צווייטן אין אַזאַ אופן ביז „ושננתם" איז אַ גרויסע האַרעוואַניע. שטעלט זיך די שאלה: פאַרוואָס איז דער רב מחוייב זיך אָפּצוגעבן אַזוי פיל מיט זיינע תלמידים ביז די דברים זאָלן זיין „מחודדין"?

וואָלט מען געטייטשט לבניך כפשוטו — איז פאַרשטאַנדיק, ווייל אַ פאָטער דאַרף טאָן אַלץ וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך פאַר זיינע קינדער. אויב „לבניך" מיינט אָבער תלמידים, איז שווער: גענוג וואָס דער רב לערנט בכלל מיט אַנדערע אידן וועלכע האָבן צו אים קיין שייכות ניט, וואָס איז מען אים מחייב צו האָרעווען מיט זיי ביז אין אַן אופן פון „ושננתם"?

קיין שטאַרקע קשיא איז דאָס טאַקע ניט — מען געפינט נאָך מצוות אויף וועלכע מיר ווייסן ניט קיין טעם. אָבער אינגאַנצן גלאַטיק איז עס ניט. וואָרום די ענינים פון „גזירת הכתוב" וואָס מיר געפינען אין תורה זיינען נאָר געציילטע.

דעריבער זאָגט רש״י „הרב קרוי אב", און וויבאַלד אַז דער רב איז (בענין הלימוד) אַן אב לתלמידיו, דאַרף ער זיך איבערגעבן צו זיי (בשייכות מיטן לימוד) מיט דער זעלבער מסירה ונתינה ווי אַ פאָטער צו זיינע קינדער.

יז. ווען רש״י זאָל אָבער זאָגן בלויז די ווערטער „הרב קרוי אב" וואָלט נאָך זיין כוונה ניט געווען קלאָר, עס קען דאָך זיין אַז דער תואר איז נאָר אַן ענין של כבוד [49], ניט קיין ענין וואָס ליגט אויף אים אַרויף אַ התחייבות, ועל אחת כו״כ אַזאַ התחייבות ווי פון אַ פאָטער צו קינדער.

דעריבער איז רש״י מוסיף „וכשם שהתלמידים קרויים בנים כו׳ כך הרב קרוי אב", אַז דאָס וואָס הרב קרוי אב איז עס פונקט אַזוי ווי דאָס וואָס תלמידים קרויים בנים:

כשם ווי דער ענין וואָס „תלמידים קרויים בנים" ליגט אַרויף אויף די תלמידים זייער אַ גרויסע התחייבות לרבם — „שנאמר בנים אתם לה׳ אלקיכם", אַז דערפאַר וואָס אידן זיינען דעם אויבערשטנס בנים זיינען זיי מחוייב בכל התרי״ג מצוות (און קענען זיך ניט פטר׳ן מיטן מקיים זיין תרי״ב מצוות — כאָטש אויך תרי״ב מצוות איז זייער אַ סך), ביז אַז ס׳איז ניטאָ קיין איין מינוט ווען אַ איד איז ח״ו פריי פון מלכות שמים, וואָרום בכל עת הפנוי׳ איז ער מחוייב בלימוד התורה, און אויך ווען ער איז זיך עוסק בצרכיו (נוסף אויף דעם וואָס אין יעדער ענין זיינען פאַראַן כמה דינים ווי עס זאָל געטאָן ווערן), דאַרף ער עס טאָן לשם שמים —

„כך הרב קרוי אב", אַזוי איז דער תואר „אב" מיט וועלכן דער רב ווערט גערופן ליגט אויף אים אַרויף די זעלבע סאָרט התחייבות לתלמידיו.

יח. וואו געפינט מען דאָס אַז דער תואר „אב" ליגט אַרויף אויפן רב אַ התחייבות צו לערנען מיט זיינע תלמידים באופן אַז דברי תורה זאָלן זיין מחו־

---

49) ע״ד בראשית (יז, ד. מה, ח).

דדים בפיהם? ברענגט אויף דעם רש״י אַ ראי׳ „שנאמר אבי אבי רכב ישר־אל״:

בשעת אלישע האָט גערופן זיין רבי׳ן אלי׳ „אבי אבי״ האָט ער דערביי מוסיף געווען „רכב ישראל״, מיינענדיק דערמיט אַז אלי׳ האָט (דורך זיינע תפילות[50]) געגעבן אידן דעם כח צו מנצח זיין אין זייערע מלחמות, ווי אַ רייטוואָגן העלפט אַרויס אין אַ מלחמה (וואָס דאָס האָט שוין דער „בן חמש למקרא״ געלערנט אין פרשת בשלח[51]).

וואָס איז די שייכות פון „רכב ישראל״ — וואָס אלי׳ איז געווען צו אידן, מיט „אבי אבי״ — וואָס ער איז געווען צו אלישע׳ן (זייענדיק זיין רב)? פון דעם אָבער וואָס אלישע האָט געזאָגט אויף אלי׳ „רכב (ישראל)״ בהמשך צו „אבי אבי״, איז פאַרשטאַנדיק אַז דער תואר „רכב״ איז אויך נוגע צום ענין פון „אבי אבי״ [52]: מצד דעם וואָס דער רב איז קרוי אב לתלמידיו, דאַרף ער זיין זייער „רכב״ — געבן זיי דעם כח צו מנצח זיין אין די מלחמות וואָס זיי האָבן אין זייער לערנען.

יט. אין וואָס פאַראַ מלחמות (אין לערנען) פון די תלמידים דאַרף דאָס דער רב זייערער געבן זיי דעם כח צו מנצח זיין, און וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָס צו „ושננתם לבניך״ — ווייס עס דער תלמיד אַליין פון זיין אייגענעם לערנען און רש״י דאַרף דאָס גאָרניט אויס־טייטשן:

עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז לאחרי ווי ער האָט געלערנט אַן ענין, און פאַר־שטאַנען א סברא, קומט אַ צווייטע סברא און שלאָגט זיך מיט דער ערשטער, זי האָט מלחמה מיט דער סברא וואָס ער האָט פריער געלערנט. און טאָמער ער אַליין כאַפּט זיך ניט אויף דער נייער סברא, קומט זי צו אים דורך אַ פראַגע וואָס אַ צווייטער שטעלט — „שאם יש־אלך אדם דבר״. און אויב ער קען ניט מנצח זיין אין דער מלחמה: ער האָט ניט דעם ריכטיקן ענטפער מיט וואָס אָפּצושלאָגן די סברא הסותרת, ווערט ביי אים אַ ספק אין זיין לימוד און במילא הויבט ער אָן צו מגמגם זיין.

און דעריבער דאַרף דער רב (ניט בלויז לערנען מיט אים, נאָר אויך) געבן דעם תלמיד די כללים און הסברים — דעם „רכב״ — דורך וועלכן ער זאָל קענען מנצח זיין אין די שכל־מלחמות און מכ־ריע זיין צווישן די קעגנזייטיקע סברות, ביז די דברי תורה זאָלן ביי אים זיין „מחודדין״, אָן קיין שום ספיקות.

כ. בשעת רש״י ברענגט אַ ראי׳ פון „אבי אבי רכב ישראל״ איז ער מוסיף „וגו׳״, מיינענדיק דערמיט דעם קומענ־דיקן וואָרט — „ופרשיו״, זיין רייטער.

דער אויפטו פון „ופרשיו״ אויף „רכב״ אין מלחמה כפשוטה איז: בשעת דער לוחם האָט אַ רכב, איז נאָך קיין ראי׳ ניט אַז ער וועט מנצח זיין די מלחמה, וואָרום עס קען זיין אַז ער ווייס אפילו ניט ווי אָנצופירן מיטן רכב. בעת אָבער צום רכב האָט ער אַ „פרש״, וואָס זעצט זיך אויף דעם רכב און פירט מיט אים אָן, איז דאָן אַ סך זיכערער אַז ער וועט מנצח זיין די מלחמה.

און די זעלבע זאַך איז אויך בנוגע צו דער מלחמה וואָס קומט פאָר אין דער שכל־וועלט: לפעמים קען זיין אַז

---

50) פירש״י ורד״ק למלכים שם (מתר־גום שם).

51) יד, ו־ז. ועוד.

52) וכן לאידך גיסא: מצד סמיכת הענ־נים זל״ז, מוכח ש„אבי אבי״ — אף שנאמר בלשון יחיד — קאי גם על ישראל, כנ״ל הערה 17.

אויך ווען דער רב גיט דעם „רכב", ד. ה. די כללים און הסברים צום תלמיד, זאָלן נאָך ביי אים אַלץ בלייבן ספיקות און ער זאָל מגמגם זיין — איבער דעם וואָס ער ווייס ניט וואו און ווי אַזוי מען דאַרף זיך נוצן מיט די כללים. איז אין אַזאַ פאַל, דאַרף דער רב זיין אויך דער „פרש", ער דאַרף אָנווייזן דעם תלמיד דעם ריכטיקן צוגאַנג און העלפן אים זיך צו באַנוצן מיט די כללים.

דעם וואָרט „ופרשיו" איז אָבער רש"י בלויז מרמז מיט „וגו'" און איז אים ניט מעתיק בפירוש — ווייל דאָס איז ניט מוכרח צו „ושננתם": אין רוב פאַלן, איז מען מקיים דעם „ושננתם — לשון חידוד" אויך דורך געבן די תלמידים בלויז דעם „רכב". נאָר היות ווי לפעמים (בעת דער תלמיד שטייט אין אַ נידעריקערן מצב וואָס ער קען זיך אַליין ניט באַנוצן מיט די כללים; אָדער בעת עס רעדט זיך וועגן אַן ענין מסובך ועמוק ביותר) דאַרף דער רב זיין אויך דער „פרשיו", איז רש"י מרמז אויך דעם וואָרט.

כא. אין רש"י איז דאָך פאַראַן אויך „יינה של תורה"[53], איז מיט רש"י'ס מרמז זיין דעם וואָרט „ופרשיו" דורכן וגומר ווייזט ער אָן אַ הוראה אין עבודה:

בשעת מען זאָגט אַ אידן אַז ער דאַרף לערנען תורה מיט אַנדערע אידן, מיט די אַלע וועלכע זיינען נאָר בגדר זיי זאָלן ווערן זיינע תלמידים, און לערנען מיט זיי אין אַן אופן פון „ושננתם — לשון חידוד", וואָס לפעמים דאַרף ער צוליב דעם ווערן אויך „פרשיו", קען ער דאָך טענה'ן: בשעת יענער איז אַזאַ וואָס אפילו לאחרי ווי מען זאָגט אים די כללי הלימוד און מ'ווייזט אים די וועג — איז אים נאָך אַלץ ווייניק, איז וואָס דאַרף איך זיך פאַרנעמען מיט אים, און נאָך מיט אַזאַ יגיעה גדולה? ער איז דאָך שלא בערכי כלל, און בפרט אַז לאחרי וואָס איך וועל שוין יע האָרעווען מיט אים איז ווער זאָגט עס אַז ס'וועט אים העלפן אַז די דברי תורה וועלן ביי אים זיין מחודדין?

אויף דעם איז דער ענטפער: וויבאַלד אַז מלמעלה האָט מען מזמין געווען דו זאָלסט זיך טרעפן מיט יענעם אידן, איז דאָס אַ הוראה ברורה אַז דו דאַרפסט לערנען מיט אים אין אַן אופן פון „ושננתם". און במילא דאַרפסטו ווערן אויך „ופרשיו", בכדי צו גומר זיין און פאַרענדיקן דיין שליחות: ס'איז ניט קיין ענין וואָס דו טוסט יענעם אַ טובה, נאָר דאָס איז נוגע צו דיר[54], ווייל אָן דעם — פאַרענדיקסטו ניט דיין שליחות, און בשעת עס פעלט אין דעם גמר השליחות פעלט עס אין דעם קיום כללות השליחות.

און לאידך גיסא: בשעת דו וועסט ווערן „ופרשיו" און גומר זיין דיין שליחות, באַקומסטו דאַן כחו של הקב"ה, וואָרום שלוחו של אדם (העליון) כמותו[55], און דו ווערסט קרוי אב וואָס השוה כבוד אב לכבוד המקום[56], און במילא ביסטו זיכער אַז דיין האָרעוואַניע וועט מצליח זיין, ווייל כחו של המשלח מיט וועלכן דו טוסט — איז דאָך אַ בלתי מוגבל.

כב. די ראי' אַז „הרב קרוי אב" (וואָס דאָס איז אַ ביאור אויפן חיוב „ושננתם" כנ"ל סעיף טז) — ברענגט רש"י פון דעם לשון „אבי אבי" וואָס שטייט

53) היום יום ע' כד.

54) וע"ד יותר ממה שבעה"ב כו' (ויק"ר פל"ד, ח).

55) ראה לקו"ת ויקרא א, ג.

56) קדושין ל, ב.

ביי אלי' הנביא מבשר הגאולה[57]. און אויך מיט דעם איז רש"י מרמז אַן ענין פון "יינה של תורה":

בשעת מען איז מקיים דעם ציווי "ושנ־נתם לשון חידוד" איז דאָס אַ מעין פון לעתיד לבא, ווען "לא ילמדו עוד איש את רעהו"[58], ווייל דער ענין וועלכן דער תלמיד האָט שוין געלערנט פון רב, איז דאָך שוין מחודד בפיו און ער דאַרף שוין דערביי צום רב מער ניט אָנקומען.

און היות אַז אַלע גילויים דלעתיד זיי־נען תלוי במעשינו ועבודתנו עכשיו[59], איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז דער קיום ה־ציווי "ושננתם" איז דאָס די כלי וואָס איז ממשיך דעם "ולא ילמדו גו'" וואָס וועט זיין לעתיד לבא[60].

און דאָס איז רש"י מרמז מיט זיין ברענגען די ראי' אויף "ושננתם לבניך" פון דעם פסוק "אבי אבי רכב ישראל וגו'" וואָס שטייט ביי אלי' מבשר הגאו־לה, ווייל דער קיום פון דעם דאָזיקן ציווי איז מקרב וממהר דעם קיום היעוד "ולא ילמדו גו' כי מלאה הארץ דעה את הוי' כמים לים מכסים"[61], וואָס דאָס איז אַן ענין עיקרי[62] אין דער גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו, יבא ויגאלנו בקרוב ממש.

(משיחות ש"פ ואתחנן תשכ"ח)

---

57) פירש"י בחוקותי כו, מב (עירובין מג, רע"ב. ומדחז"ל בכ"מ. ולהעיר מרמב"ם הל' מלכים פי"ב ה"ב).

58) ירמי' לא, לג.

59) תניא רפל"ז.

60) להעיר שהציווי ושננתם לבניך הוא בפרשת ואתחנן שקוראין אותה — בכל הש־נים — בהשבת שלאחרי ת"ב, שבת נחמו.

61) ירמי' שם. ישעי' יא, ט. וראה רמב"ם הל' תשובה פ"ט ה"ב.

62) שלכן הסיום והחותם של הענינים דימות המשיח שברמב"ם הל' מלכים הוא ב"כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים".

# ואתחנן ב

א. אין פסוק „וקשרתם לאות על ידך והיו לטוטפות בין עיניך"[1], איז רש"י מפרש: „וקשרתם לאות על ידך — אלו תפלין שבזרוע, והיו לטוטפות בין עיניך — אלו תפלין שבראש".

לערנענדיק בהשקפה ראשונה קען אויסקומען, אַז רש"י איז דאָ פשוט אויסן צו מפרש זיין אַז מיט „לאות גו' לטוטפות גו'" ווערט געמיינט תפלין. מען קען אָבער אַזוי ניט לערנען — מצד כמה טעמים:

א) לפי זה האָט רש"י ניט געדאַרפט מעתיק זיין פון פסוק (אויך) די ווערטער „וקשרתם" „והיו".

ב) מיט אין פסוק פריער[2] שטייט „ודברת גו' ובשכבך ובקומך". איז דאָרט רש"י מפרש בלויז אַז „ובשכבך ובקומך" מיינט „זמן שכיבה וזמן קימה", אָבער אַז דערמיט ווערט געמיינט קריאת־שמע, זאָגט ניט רש"י. ווייל דאָס איז אַ דבר פשוט וואָס רש"י דאַרף עס ניט מפרש זיין און אויך אַ תלמיד — „בן חמש (למקרא)", ווען ער לערנט אַז מען דאַרף אַ געוויסע זאַך זאָגן ב„זמן שכיבה וזמן קימה" פאַרשטייט ער אַז דאָס רעדט זיך וועגן ק"ש — ווייל ער וויס[3] אַז ביים לייגן זיך שלאָפן און ביים אויפשטיין לייענט ער ק"ש.

הײנט אויב אַזוי, פאַרוואָס דאַרף רש"י מפרש זיין אַז מיט „וקשרתם גו'" ווערט געמיינט תפלין? — אויך דאָס איז זייער פשוט און דער תלמיד חייס[4] אַז „על ידך" און „בין עיניך" לייגט מען תפלין[5].

ג) אפילו את"ל אַז וויבאַלד דער „בן חמש" לייגט נאָך ניט קיין תפלין אָבער שמע לייענט ער שוין יע[5*], איז דאָ אַן אָרט צו זאָגן אַז ביי „ובשכבך ובקומך" דאַרף רש"י ניט אויסטייטשן אַז עס מיינט ק"ש און ביי „וקשרתם גו'" דאַרף רש"י יע מפרש זיין אַז עס מיינט תפלין[6] —

זעט מען אָבער אַז דער ציווי אויף תפלין גופא שטייט שוין פריער (אין פ' בא[7]) און צוויי מאָל: „והי' לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך" און „והי' לאות על ידכה ולטוטפות בין עיניך"[8].

---

1) פרשתנו ו, ח.

2) שם, ז.

3) וגם למד כבר מצות ק"ש — בפ' רש"י בלק כג, כד.

4) וגם מצות תפלין למד כבר — בפ' בא (כדלקמן בפנים), בפרש"י בלק שם ובפרש"י פרשתנו ד, ב.

5) ואדרבה: ב„ובשכבך ובקומך", מכיון שבתחלת הפסוק נאמר „ודברת בם" שקאי על דברי תורה בכלל (ולא רק על הפרשיות דק"ש), עלול לטעות יותר ש„ובשכבך ובקומך" לא קאי על ק"ש.

5*) ידוע נוסח ברכת כ"ק מו"ח אדמו"ר דמיום הגזיזה דג' שנים „נהגו להדר להרגיל את התינוק בענין . . ברכות השחר . . וק"ש שעל המטה" („היום יום" ד' אייר).

6) אבל דוחק גדול לומר כן, כי — כיון שרואה איך שאחרים מניחים תפלין על הזרוע ועל הראש, הרי כשלומד „וקשרתם גו' על ידך גו' בין עיניך גו'" — יודע הוא שהכוונה היא לתפלין, וכנ"ל בפנים.

7) יג, ט. טז.

8) אף שבדוחק קצת י"ל שכיון שזהו כו"כ פרשיות לפני פרשתנו — מפרשו עוד הפעם (וכמו שחוזר ומפרש תיבת „טוטפות"